בס"ד

# חיזוק פון יום טוב

שיעור ערב ראש השנה תשפ"ז לפ"ק - שע"י הרה"ג ר' מאיר ברוך שטיין שליט"א

דער שיעור ווערט איבערגעגעבן ברבים יעדן ליל ששי 9:15pm אין ביהמ"ד וויזניץ (53 סט.)

אויך קען מען דאס איבערהערן אויף קול הלשון 718-906-6420 #1-17

## פרייליכע פחד

מ'זאגט ימים נוראים, ראש השנה און יום הקדוש, ביים דאווענען, "וכן צדיקים יראו וישמחו". זאגט דער תפארת שלמה אז ס'איז דא אסאך פחדים אין די וועלט וואס א מענטש וויל זיך בכלל נישט באגעגענען מיט דעם, ווי למשל א חיה רעה צו א רוצח, דאס איז שרעקעדיגע זאכן, אבער קיינער וויל עס נישט אנטרעפן. אבער ווען ס'קומט צו די ימים נוראים, ס'איז טאקע פארכטיגע טעג, יעדער איינער וויל עס אבער יא באגעגענען, און ס'איז זיסע הייליגע טעג, ס'איז לעכטיגע טעג. דאס מיינט ער, "וכן צדיקים", ערליכע אידן "יראו", איז א לשון פון פחד, מ'האט מורא. אבער "וישמחו", ס'איז אויך די גרעסטע שמחה.

## די בלו-פרינט פון די גאנצע יאר

שטייט אין אמרי פנחס פון רבי פנחס'ל קאריצער, אז וועגן דעם עסט מען נישט אין ימים נוראים, אין די טעג עסט מען נישט קיין דברים חמוצים, זויערע זאכן. ווייל ראש השנה איז אזוי ווי מ'קען עס אנרופן די בלו-פרינט פון די גאנצע יאר, און אלעס וואס מ'צייכנט אן ראש השנה, דאס איז די גאנצע יאר, און דברים חמוצים איז א זאך וואס איז נישט גוט, און ער זאגט אז ס'קען מאכן אז די מויל זאל ווערן אביסל פארדרייט. איז ממילא וועגן דעם היט מען זיך פון עסן זאכן וואס קען שטערן די גאנצע יאר.

## מיט איין קוועטש מיט א קנעפל קען מען אוועקנעמען שווערע פראבלעמען

ס'איז דא וואס ווילן דאס צוגלייכענען, אזוי ווי ווען מ'וויל שלעפן אסאך שווערע זאכן, ווי למשל אסאך העלצער צוזאמען, וואס ס'איז נישט קיין מציאות אז איינער זאל עס אלעס אויפהייבן. אבער היינטיגע צייטן איז יא דא געוויסע קנעפלעך וואס מ'קען קוועטשן, און אלעס ווערט אויפגעהויבן אויף איין מאל מיט איין קוועטש מיט א קנעפל. איז די זעלבע זאך אויכעט, ווען ס'קומט די הייליגע טעג, איז אלע זאכן פון א גאנץ יאר, מיט איין קוועטש מיט א קנעפל קען מען אוועקנעמען שווערע פראבלעמען, און מ'קען זען אז אלעס זאל זיין גוט. ווייל אין דעם איז נכלל אסאך זאכן פון די גאנצע יאר, און אזוי ווי מ'זאגט, דאס איז פרייליכע טעג.

רבי אלי' ראטה זכרונו לברכה האט אמאל געזאגט ראש השנה ביינאכט, ווען אסאך אידן זענען זיך געקומען וואונטשן מיט אים לשנה טובה, האט ער זיך אנגערופן אז יעדע מצוה וואס מ'טוט ווערט באשאפן א מלאך, און דער מלאך האט די זעלבע נאמען ווי די מצוה וואס מ'האט געטון. ווי למשל, אז מ'טוט די מצוה פון ציצית, איז דער מלאך וואס ווערט באשאפן פון דעם, זיין נאמען איז ציצית. אז מ'טוט די מצוה פון תפילין, איז דער מלאך הייסט תפילין. מ'לערנט תורה, דער מלאך הייסט תורה. אזוי יעדע מצוה ווערט אנגערופן דער מלאך אויף די נאמען פון די מצוה וואס מ'האט געטון.

## מיליאנען מלאכים וואס הייסן "לשנה טובה"

איז ראש השנה ביינאכט, מיליאנען אידן וואונטשן זיך "לשנה טובה תכתב ותחתם", איז די ברכות וואס אידן וואונטשן זיך ווערן באשאפן מלאכים פון דעם, און דער מלאך הייסט "לשנה טובה תכתבו ותחתמו לאלתר לחיים טובים ולשלום". איז ממילא, ס'איז דא מיליאנען מלאכים וואס שוועבן ארום אין די לופט וואס הייסן "לשנה טובה", און אין הימל, האט ער געזאגט, טוט זיך א געוואלדיגע שמחה מיט די אלע מלאכים.

## שפירן די געהויבנקייט פון ראש השנה א גאנץ יאר

ס'איז אויך געווען א איד וואס האט אים געפרעגט אז ער וויל א גאנץ יאר שפירן די געהויבנקייט מיט די שמחה פון ראש השנה. האט ער אים געזאגט, איך האב אן עצה פאר דיר, אז יעדעס מאל דו מאכסט א ברכה און דו עסט עפעס, זאגט מען ברוך אתה ה' אלקינו מלך העולם. ווען דו זאגסט די ווערטער מלך העולם, האב אין זין וואס ראש השנה זאגט מען ה' אלקינו מלך, מ'איז ממליך קודשא בריך הוא, סיי אויף זיך אליין, אויף די גאנצע גוף, און סיי אויף אלעס ארום און ארום, און סיי אויף די מאכלים וואס מ'עסט. איז אויב מ'טראכט אזוי, אפילו א גאנץ יאר איז מיט דעם מלך וועט מען שפירן די געהויבנקייט פון ראש השנה א גאנץ יאר.

על כל פנים, איז אזוי ווי מ'זאגט, ראש השנה איז טאקע פארכטיג, אבער ס'איז די פרייליכסטע טעג פון די גאנצע יאר. באקאנט אז צדיקים האבן געוואלט דערמאנען דעם נאמען בארדיטשוב. מ'האט געזאגט אז אפילו דער נאמען בארדיטשוב אליין טוט מעורר זיין זכותים אויף כלל ישראל, וואס דער בארדיטשובע'ר רב האט אזוי פיל מלמד זכות געווען אויף כלל ישראל, און ספעציעל אזוי ווי די יאר. ווען דער ערשטער טאג ראש השנה געפאלט אין שבת, איז באקאנט וואס דער בארדיטשובער האט געזאגט, יום טוב של ראש השנה שחל להיות בשבת. דער גרעסטער יום טוב איז אז ראש השנה געפאלט אין שבת. מ'זאגט אזוי, אז טאמער דער אייבערשטער גייט פארשרייבן א גוטס יאר, איז דעמאלטס איז עס פקוח נפש, און פקוח נפש איז דוחה שבת. אבער טאמער דער אייבערשטער חלילה פארשרייבט נישט אזוי, וועל איך מפרסם זיין, האט ער געזאגט, אז מ'טאר נישט שרייבן, ווייל שבת טאר מען נישט שרייבן. דאס מיינט יום טוב של ראש השנה, אז ס'איז דער גרעסטער יום טוב שחל להיות בשבת, ווייל דעמאלטס מוז מען פארשרייבן א גאנץ יאר, א גוט יאר.

ער האט אויך געזאגט אמאל, ס'איז געקומען צו אים א מעקלער. א מעקלער מיינט א בראקער, וואס פלעגט אנשדכ'נען געוויסע זאכן פאר געוויסע ביזנעס, וואס ער האט געהאלטן אז טאמער די ביזנעס וועט

קויפן די און די סחורה קענען זיי מצליח זיין. און ס'איז געווען א גרויסע מעקלער אין שטאט, וואס ווען ער האט אנגעשדכ'נט זאכן האט זיך יעדער צוגעהערט צו אים, און נאכדעם איז געווען א קליינע מעקלער, אזויווי מ'זאגט א נייע שדכן, וואס מ'האט זיך נישט אזוי צוגעהערט צו אים. פלעגט דער קליינער מעקלער גיין צו די גרויסע מעקלער און אנטראגן זאכן, און מ'האט אפגעמאכט, אזויווי ס'איז דער איינפאל פון די קליינע מעקלער, און אויב דער גרויסער מעקלער גייט עס אויספירן, גייט מען זיך צעטיילן מיט די געלט.

איז געווען א קליינער מעקלער וואס איז געקומען צום בארדיטשובער רב און ער האט אים געזאגט אז ס'איז געווען עפעס א גוטע איינפאל וואס איז מיר איינגעפאלן, און דער גרויסער מעקלער האט עס טאקע אויסגעפירט, אבער ס'איז געקומען צו באצאלן, האט ער מיר גארנישט באצאלט.

## צו די מחילה סליחה וכפרה קומט מיט בני חיי ומזוני

האט דער בארדיטשובער רב געלאזט רופן דעם גרויסן מעקלער, און ער האט אים געזאגט, זאלסטו וויסן, לוי יצחק בן שרה סאשא איז אויך א מעקלער. איך האב געזען אז דא אונטן אויף די וועלט איז דא דריי זאכן וואס איז נישט אזוי גוט: דאס איז חטאים, עונות, און פשעים. אויבן אין הימל איז דא דריי זאכן וואס וואלט זייער גוט געווען ווען מ'קען עס דא ברענגען אויף דער וועלט, דאס איז מחילה, סליחה, וכפרה. איך האב געוואלט מ'זאל אוועקנעמען פון דא די חטאים, עונות, ופשעים און שיקן אהער מחילה, סליחה, וכפרה, איז עס א געוואלדיגע מעקלעריי וואס קען זייער מצליח זיין. האט מען אים געזאגט ער זאל עס אנטראגן. פאר כלל ישראל. איך האב עס טאקע אנגעטראגן, אבער מ'האט זיך נישט אזוי שטארק צוגעהערט צו מיר. בין איך צוריקגעקומען פרעגן אן עצה, האט מען מיר געענטפערט אז צו די מחילה סליחה וכפרה זאל איך אויך זאגן אז ס'קומט מיט בני חיי ומזוני. בין איך צוריקגעגאנגען און איך האב טאקע געזאגט אז ס'קומט מיט בני חיי ומזוני, און צו דעם האט זיך שוין יא דער עולם שטארק צוגעכאפט. האט ער אויסגעפירט, אזוי ווי איך בין געווען דער וואס האט עס אנגעטראגן, האט מען מיר באצאלט פון הימל אז די בני חיי ומזוני, איך קען עס געבן, און חס ושלום פארקערט, איך קען עס צונעמען. און ער האט יענעם געוואלט ווארענען אז טאמער ער גייט באצאלן פאר די קליינע מעקלער איז גוט, אבער טאמער נישט, זאל ער וויסן אז ער האט די שליסל פון בני חיי ומזוני. יענער האט זיך למעשה אויסגעלאכט, אבער שפעטער איז עפעס געשען מיט אים, ער איז לא עלינו נישט געזונט געווארן, און דעמאלטס איז ער געקומען בעטן אז ער וויל יא צאלן די מעקלעריי.

## דער רבונו של עולם, זיין פארמעגן איז די תפילות פון כלל ישראל אין די הייליגע טעג

על כל פנים, דער הייליגער בארדיטשוב'ער רב האט געזאגט אז צוזאמען מיט מחילה סליחה וכפרה קומט מיט בני חיי ומזוני. וואס דאס מיינט, אין אנדערע ווערטער, אז ווען מ'איז מתפלל און מ'בעט דעם באשעפער ער זאל מוחל זיין אויף די עבירות, ווייסט מען אז מיט דעם קומט מיט בני, בני חיי ומזוני, וואס דאס איז זאכן וואס יעדער איינער דארף עס האבן. בני מיינט מ'זאל בכלל האבן קינדער, מ'זאל געהאלפן ווערן מיט קינדער, מ'זאל האבן ערליכע קינדער, געזונטע קינדער, פירן די קינדער אונטער די חופה, געזונטערהייט, די טאטע מיט די מאמע, מיט די זיידעס מיט די באבעס. חיי מיינט לעבן, חיי מיינט זיין געזונט און שטארק, מזוני מיינט פרנסה ברחבה. אין די דריי זאכן איז נכלל אלע בקשות וואס כלל ישראל דארף, און דער רבונו של עולם ווארט אויף אונזערע תפילות. שטייט אין בית אברהם אויף די פסוק „ואתה קדוש יושב תהלות ישראל", וואס חז"ל זאגן אז דאס גייט ארויף אויף די תפילות פון די הייליגע טעג. ער זאגט אז ס'איז דא אן אויסדרוק וואס מ'זאגט אז יענער זיצט אויף א גרויסע פארמעגן. וואס איז פשט פון דעם? ס'מיינט אז יענער האט אונטער זיך א גרויסע פארמעגן. איז די זעלבע זאך, דער רבונו של עולם, זיין פארמעגן איז די תפילות פון כלל ישראל אין די הייליגע טעג. דאס מיינט „ואתה קדוש", דו הייליגער באשעפער, „יושב", דו זיצסט, „תהלות ישראל", דיין פארמעגן איז די תהלות ישראל, וואס דער אייבערשטער לעכצט נאך אונזערע תפילות, ער זאל אונז קענען גיסן אלע גוטע השפעות.

## אונז זענען גרויסע עשירים

ס'איז געווען רב קרייזווירט זכרונו לברכה, פלעגט פארציילן אז ס'איז געווען בשעת די וועלטס מלחמה איז צוגעקומען צו אים א איד אז ער האט אריינגעלייגט אין די שווייצער באנק א גרויסע פארמעגן, און ער ווייסט נישט צו ער גייט איבערלעבן די מלחמה. ער האט א זון אין אמעריקע, און דער זון ווייסט נישט אז ער האט א פארמעגן דארט אין יענעם באנק, און ער וואלט זייער געוואלט אז דער זון זאל יא וויסן, אז ער זאל קענען ירש'ענען דעם פארמעגן, ס'זאל נישט גיין לטמיון, ס'זאל נישט פארלוירן ווערן. און דער איד האט טאקע נישט איבערגעלעבט די מלחמה. און ס'איז געקומען נאך די מלחמה, איז רב קרייזווירט, וואו ער איז געגאנגען, האט ער געפרעגט א נאמען וואס יענער האט אים געגעבן, און ער האט געזוכט איבעראל, אבער קיינער האט נישט געוואוסט צו זאגן וועגן די זון פון יענעם מענטש. און אזוי האט ער געזוכט פאר צען יאר. נאך צען יאר איז ער אמאל געווען דא אין אמעריקע, און ער איז אמאל געפארן דא מיט די באן, און ס'איז געזעצן לעבן אים עפעס א איד, און כדרכו האט ער אויך געפרעגט דעם איד צו ער ווייסט עפעס פון אזא נאמען, און יענער האט גלייך געזאגט, יא, ער הייסט אזוי. און ער האט אים געפרעגט אפאר סימנים. עס איז טאקע אויסגעקומען אז דאס איז דער זון פון יענעם איד, און ער האט אים גלייך געזאגט ווי ער דארף גיין, ער האט געהאט פארשריבן געוויסע נומערן וואס מיט דעם קען ער ארויסנעמען דאס געלט. און ס'איז אויסגעקומען אז דורך דעם פארמעגן איז יענער געווען ביז יעצט א גרויסער ארעמאן, אבער יעצט ווערט ער גאנץ א שיינער גביר.

האט רב קרייזווירט נאכדעם געזאגט אז מ'קען טראכטן א חקירה. אין די צען יאר, באמת, דער זון איז שוין געווען א גרויסער גביר, ער האט נאר נישט געוואוסט אז ער איז א גביר, ער האט א הלכה פון אן עושר אדער נישט. אבער על כל פנים, ס'איז דא זייער אסאך אידן וואס וויסן נישט אפצושאצן זייערע גרויסע תפלות, בפרט אין די הייליגע טעג, און זיי וויסן נישט וואס מ'קען אויפטון, אבער אונז זענען גרויסע עשירים מיט דעם וואס אונז קענען מיר געהאלפן ווערן אפילו מ'ווייסט נישט דערפון. אבער באמת דארף מען טאקע יא וויסן אונזערע געוואלדיגע גרויסע כח וואס אונז קענען מיר פועל'ן אין די הייליגע טעג.

## מ'דארף צולויפן צום מלך, און מ'קען זיך אלעס אויסבעטן ביים מלך

ס'איז געווען דער גאב"ד פון ירושלים, רבי יצחק טובי' ווייס זכרונו לברכה, וואס איז נפטר געווארן פאר פיר יאר צוריק. בערך א יאר פאר זיין פטירה האט ער פארציילט ברבים, אויך וואס ס'איז מיט אים

פארגעקומען ביי די צווייטע וועלטסמלחמה, איז ער געווען א צוועלף יעריג קינד ווען די מלחמה האט אויסגעבראכן, און ער האט געוואוינט אין א שטאט פעזינג. און ס'איז געווען, דער ראש הקהל פון פעזינג האט געשיקט אים מיט נאך א חבר זיינער, זיי זאלן גיין צו דער ראש הקהל פון שטראסבורג, אז זיי זאלן פרעגן יענעם ראש הקהל וואס מיינט עס אז די דייטשן קומען אריין. איז פארשטייט זיך, מיט די רשות פון זיינע עלטערן איז ער אהינגעגאנגען, און ער האט אים אויסגעפרעגט וואס דאס מיינט. און יענער ראש הקהל האט אים געענטפערט אז ס'מיינט אז מ'דארף אסאך רחמי שמים, מ'דארף אסאך מתפלל זיין, און די מצב איז זייער נישט גוט.

נאכדעם האט ער זיך אנגערופן אז איך האב באקומען א גרויסע סכום וויזעס פון די ענגלישע רעגירונג פאר אידישע קינדער וואס מ'וויל ראטעווען, און ס'גייט ווערן א גרויסע גרויסע געיעג נאך די וויזעס. די צוויי קינדער זענען מיר אויס זייער זייער איידעלע, ערליכע קינדער. איך געב ענק צוויי וויזעס, און אויב ענקערע עלטערן געבן ענק רשות אז עטס זאלטס קומען קיין ענגלאנד, זאלט עטס טאקע קומען און מען וועט קענען געראטעוועט ווערן פון די מלחמה.

און די צוויי קינדער זענען טאקע געגאנגען צו זייערע עלטערן, און מ'האט געברענגט די וויזעס, און די עלטערן האבן געזען אז זיי קענען טאקע געראטעוועט ווערן. איז כאטשיג ס'איז דא אסאך עלטערן וואס וואלטן אפשר נישט וועקגעלאזט די קינדער, האט ער געזאגט אז זיין טאטע האט יא פארשטאנען אז ס'לוינט זיך אים אוועקצושיקן, אזוי גייט ער זיכער ניצול ווערן פון די מלחמה. און ער מיט זיין חבר זענען טאקע געגאנגען קיין ענגלאנד, זענען איינגעשטאנען ביי עפעס א משפחה זייערע.

ס'איז געקומען אין טאג אינמיטן די מלחמה, וואס מ'האט מפרסם געווען אז דער פרעזידענט פון ענגלאנד וויל אז די אלע קינדער וואס דורך אים זענען זיי ניצול געווארן זאלן זיך ערגעץ צוזאמענקומען, און ער וויל דורכפארן מיט אזא אפענע וואגאן, ער וויל זיי אלע זען, ער וויל האבן נחת פון דעם וואס ער האט זיי אלע געראטעוועט. און זיי זענען זיך טאקע אלע צוזאמענגעקומען, און אינמיטן ווען דער פרעזידענט איז דארט געזעצן, און יעדער איז געשטאנען, אלע קינדער ארום און ארום, איז זיין חבר האט געגעבן א שפרינג ארויף דארט וואו דער פרעזידענט איז געווען, און אזוי ווי ער איז ארויפגעשפרינגען האבן די פאליציי, די אלע וואס זענען געשטאנען אויף די וואך אכטונג צו געבן אויפ'ן פרעזידענט, האבן אנגעהויבן צו שרייען ער זאל שוין אראפגיין. אבער דער קינד האט זיך זייער פאר'עקשנ'ט אז ער וויל יא זיין דארט אויבן. און ס'איז געווארן אזא בהלה, האט דער פרעזידענט געוואלט וויסן וואס דער קינד וויל, און דאס קינד האט געגעבן א ברעך אויס פאר געוויין. און ער האט געזאגט, וואס גייט זיין אז איך גיי ניצול ווערן פון די מלחמה, און נאכדעם גיי איך געוואויר ווערן אז מיינע עלטערן האבן נישט איבערגעלעבט די מלחמה? וואס גייט זיין דעמאלטס? וואס גיי איך האבן פון דעם? איז דער פרעזידענט האט געפרעגט, וואס איז די אדרעס פון זיינע עלטערן? ווערט עס אראפגעשריבן, און ס'איז דורכגעגאנגען אפאר טעג, און זיינע עלטערן האבן אויך באקומען וויזעס, און זיי זענען געראטעוועט געווארן. האט דער גאב"ד פארציילט נאכדעם, אז בשעת זיין חבר האט דאס געטון, האט עס אויסגעקוקט ווי גאר גאר א ווילדע זאך. אבער נאכדעם, ווען די עלטערן האבן באקומען די וויזעס, האט מען געזען ווי ריכטיג ס'איז געווען וואס ער האט געטון, און אלע אנדערע קינדער האבן זיך ממש געריסן די האר פון קאפ אז ס'איז געווען די מעגליכקייט צו ראטעווען די עלטערן, פארוואס האט מען עס טאקע נישט געטון? יעדער האט געהאט די ברירה צו ראטעווען די עלטערן.

איז על כל פנים, האט ער געזאגט, ווען ס'קומט די טעג וואס מ'שרייט "המלך", מ'האלט אין איין זאגן "ה' אלקינו מלך", איז דער מלך איז דא, איז אוודאי און אוודאי מ'דארף צולויפן צום מלך, און מ'קען זיך אלעס אויסבעטן ביים מלך.

## ווייל מ'גייט זיך מיט אונז גאר שטארק רעכענען

שטייט אין ספרים הקדושים אז מ'ווייסט דאך אז יעדע זאך שטייט איז באשערט, און ס'איז פונקט אזוי ווי ס'איז דא א ריזיגע ביזנעס וואס ווערט געפירט פון הונדערטער הונדערטער ארבעטערס, און ס'איז דא אסאך מדרגות אין די ארבעט. ס'איז דא געוויסע וואס האבן זייער הויכע פאסטענעס, אזוי ווי די הויפט מענעדזשערס פון די ביזנעס, און נאכדעם איז דא וואס האבן גאר שוואכע ארבעט, ס'איז דא וואס רייניגן. ס'פארשטייט זיך, אלע באקומען באצאלט פון די זעלבע פלאץ. אבער וואו כאפט די גרויסע נפקא מינה צווישן דער וואס האט א הויכע פאסטן און דער וואס האט סתם א ביליגע פאסטן? וואו זעט מען די גרויסע חילוק?

ווען ס'קומט מ'וויל מאכן עפעס א טויש אין די ביזנעס, איז אויב ס'קומט איינער וואס האט גאר א שוואכע פאסטן דארט, און ער געבט אריין אז ער וויל מאכן א טויש, מ'גייט זיך נישט קיין סאך רעכענען מיט אים, ער האט נישט קיין גרויסע דעה אין דעם ביזנעס. אבער טאמער ס'קומט איינער וואס האט א הויכע פאסטן, טאקע למשל א הויפט מענעדזשער, און ער זאגט אז ס'לוינט זיך צו מאכן דארט א טויש, איז דעמאלטס פארשטייט יעדער איינער, מ'גייט זיך זייער זייער שטארק רעכענען מיט אים. איז די זעלבע זאך אויכעט, אונז כלל ישראל, אונז האבן, ווי מ'זאגט, גרויס פראטעקציע ביים קעניג, און מ'קען מאכן ריזיגע טוישערייען, און מ'רעכנט זיך מיט אונז, איז ממילא ס'לוינט זיך צו מאכן די אלע טוישערייען, און ס'לוינט זיך מתפלל צו זיין, ווייל מ'גייט זיך מיט אונז גאר שטארק רעכענען.

## דער שופר דער סימן

אין חודש אלול האט מען געבלאזן שופר, אזוי ווי ס'שטייט "עורו ישנים משנתכם", אויפצואוועקן דעם עולם פון די שלאף, וועגן דעם האט מען געבלאזן שופר חודש אלול. און אויף דעם שטייט א משל צו דעם, אז ס'איז געווען אמאל איינער וואס איז געקומען אין עפעס א פארגעשריטענע לאנד, און ער האט געזען אז ס'ברעכט אויס א פייער, און ס'איז דא מענטשן וואס שטעלן זיך מיט שופרות און זיי בלאזן. און דאס איז געווען אזוי ווי א סימן אז די פייער לעשערס דארפן קומען. דער מענטש האט נאר באמערקט אז מענטשן בלאזן מיט שופרות, און ער זעט נאכדעם אז די פייער ווערט קלענער און קלענער, ער האט נישט באמערקט וויאזוי מ'לעשט עס אויס. האט ער פארשטאנען אז ווען מ'בלאזט מיט א שופר, גייט די פייער אראפ. ער איז צוריקגעקומען צו זיין דערפעלע, האט ער געזאגט פאר יעדן איינעם, איך האב דא מיטגעברענגט א שופר, און דאס באוויזט מורא'דיגע קונצן אז מ'געבט א בלאז מיט דעם ווען ס'איז דא א פייער, און דער פייער גייט אראפ און ס'ווערט קלענער און קלענער און קלענער. דער עולם האט שוין קוים געווארט אז ס'זאל אמאל אויסברעכן א פייער, און ווען ס'האט טאקע אויסגעבראכן האט ער זיך געשטעלט בלאזן.

אבער אזוי ווי מ'האט גארנישט געטון, איז דער פייער נאר געווארן העכער און העכער און העכער. האט ער נאכדעם געשריגן אז עפעס איז נישט אין ארדענונג מיט די שופר, עפעס א צובראכענע שופר, ביז לאנג איינער האט אים אויפגעקלערט אז א שופר איז נישט דאס וואס מאכט קלענער די פייער, א שופר איז נאר צו שרייען מ'זאל וויסן אז מ'דארף אויסלעשן די פייער.

די זעלבע זאך אויכעט, בלאזן שופר חודש אלול, דאס איז "עורו ישנים משנתכם", פשוט אונז אויפצוואועקן אז אונז זאלן מיר וויסן אז מ'דארף תשובה טון. אבער אויב מ'בלאזט שופר און א מענטש ווערט נישט אויפגעוועקט, איז ער אזוי ווי דער מענטש וואס האט געבלאזן שופר און ער האט געמיינט אז דער פייער גייט זיך אויסלעשן.

אבער באמת, ווען ס'קומט צו בלאזן שופר אין ראש השנה, דאס איז יא שטייט "למה תוקעין? רחמנא אמר תקעו", וואס דאס איז שוין א מצוה אין די תורה, וואס די בלאזן שופר אליין, חוץ פון דעם וואס ס'וועקט אויף תשובה צו טון, איז די מצוה אליין פון בלאזן שופר, דאס טוט שוין משפיע זיין אלע גוטע זאכן פון הימל.

### מ'דארף האבן די טרערן פון די נשים אויסצושוועקן די שופר

און אזוי ווי ס'איז באקאנט, אז דער הייליגער בארדיטשובער רב האט זיך אמאל אויסגעדרייט צו די עזרת נשים פאר'ן בלאזן שופר, און ער האט געזאגט אז מ'דארף אויסשווענקען די שופר, און מ'דארף האבן די טרערן פון די נשים אויסצושווענקען די שופר. ער האט אויך אמאל געזאגט אז אין די יהי רצון וואס מ'זאגט ביים בלאזן שופר זאגט מען "שאלו המלאכים היוצאים מן הקשר"ק ימליצו טוב בעדינו". האט ער געזאגט אז קשר"ק איז אויך די ראשי תיבות פון כשר'ן, שארן, רייבן און קראצן, וואס מ'ווייסט אז די נשים זענען פארנומען פאר פסח אין חודש ניסן און נאך פריער. צו רייניגן די שטובער, אז דאס טוט ממליץ טוב זיין פאר'ן רבונו של עולם. על כל פנים, די בלאזן שופר איז אפילו ווען מ'האט נישט די אלע כוונות, אזוי ווי ס'איז באקאנט אז ר' וואלף קיצעס איז געווען דער בעל תוקע ביי די בעל שם הקדוש, און ער האט אלעמאל אנגעגרייט א גאנצע צעטל מיט אלע כוונות וואס מ'דארף אינזין האבן ביי תקיעת שופר. איין יאר איז אבער געווען אז ער איז געקומען צו תקיעת שופר, האט ער געוויזן גלייך פאר'ן בלאזן אז ער האט פארלוירן די צעטל. האט אים דער בעל שם טוב געזאגט אז ווען מ'וויל עפענען א טיר, נוצט מען א שליסל וואס איז צוגעפאסט צו די לאך פון די טיר, און יעדע קנייטש פון די שליסל עפנט אויף די טיר. אבער ס'איז דא אזא זאך וואס הייסט א מייסטער שלאס, א מייסטער שליסל, וואס דאס עפנט אויף אלע שלעסער. האט ער געזאגט, יעדע כוונה איז נאך א וועג אויפצועפענען די טיר, אבער א צובראכענע הארץ, דאס איז א מייסטער שליסל, וואס דאס עפנט אויף אלע טויערן אין הימל. איז די מייסטער שליסל, דאס איז א זאך וואס מ'קען זאגן אז יעדער איינער פון אונז האט די צובראכענע הארץ, ספעציעל מ'ווייסט אז אידן אין דער אלטער היים, ווען ס'איז געקומען פון חצי אלול, פלעגן מען שוין יעדן טאג אויפשטיין פארטאגס אין בית המדרש און אויסזאגן גאנץ תהלים. און מ'זעט די גרויסע מרחק וואס אונז האבן צו די אידן, קען מען זאגן אז יעדער איינער האט א צובראכענע הארץ.

## יארצייטן פון צדיקים

### הרה"ק דער שר שלום פון בעלזא זצ"ל

א פאר טעג פאר ראש השנה, כ"ז אלול, איז די יארצייט פון דער גרויסער שר שלום פון בעלזא. און דער צדיק שלום האט אמאל געהערט צוויי יונגעלייט שמועסן צווישן זיך. האט ער געזאגט פאר איינעם פון זיינע קינדער אז ער זאל גיין אונטערהערן וואס די צוויי יונגעלייט שמועסן. איז דער זון צוריקגעקומען און געזאגט פאר'ן בעלזער רב אז זיי האבן געשמועסט אז זיי ביידע זענען זייער צובראכן. איינער האט געזאגט פאר'ן צווייטן אז ער פילט אז ער איז נאכנישט גרייט אויף ראש השנה צום יום הדין. און יענער האט אים צוריקגעזאגט אז ער פילט אויכעט, ער ווייסט נישט וואו זיך אהינצוטון, ווייל ער שפירט אז ער איז גארנישט גרייט אויף ראש השנה. האט זיך דער בעלזער רב אנגערופן אז די צוויי יונגעלייט צעברעכן די שווערסטע גזירות דורך זייערע צובראכענע הערצער. און דער בעלזער רב האט מסביר געווען אז דאס יאר איז געווען א גרויסע קטרוג אויבן אין הימל. מ'האט געפרעגט, וואס איז די גרויסע גדולה מיט די אידן? זיי געבן צדקה? מ'קען טרעפן צווישן די אומות העולם אויכעט וואס געבן געוויסע צדקות, און אויף יעדע זאך האט מען זייער מקטרג געווען. אבער די צעבראכנקייט פון די צוויי יונגעלייט האבן אלע מקטרגים מסכים געווען, אז צווישן די אומות העולם עקזיסטירט נישט אזא מין זאך אז מ'זאל זיין צעבראכן און מ'זאל זאגן אז מ'איז נאך נישט ווערד און מ'איז נאך נישט ראוי. איז על כל פנים, מ'זעט אז די צעבראכענע הארץ, דאס איז די מייסטער שליסל, און מיט דעם קען מען אנקומען איבעראל.

ס'איז געווען ביי די אהבת ישראל איז געווען אמאל א איד, א וויזשניצער חסיד, האט מיטגעברענגט אויף ראש השנה זיין נייע איידעם וואס איז נישט געווען קיין וויזשניצער חסיד, און ס'איז אים געווען שווער זיך צוצוגעוואוינען דארט צו די תפלות וואס גייט אויף די וויזשניצער נוסח. ווען ס'איז געקומען צו לדוד מזמור ראש השנה ביינאכט, ווען מ'זאגט אשר לא נשא לשוא נפשי, האט דער עולם שטייט געשריגן. און דער יונגערמאן האט געטראכט, ס'איז דא זייער אסאך פלעצער וואו ס'פאסט צו שרייען, ונתנה תוקף, מי יחיה, מי ימות, ס'איז דא אסאך זאכן וואס מ'פארשטייט אז ס'קומט צו מאכן קולות. אבער אשר לא נשא לשוא נפשי, וועגן שווערן פאלש, דאס איז נישט עפעס א זאך וואס מ'איז אזוי נכשל אין דעם. ווי קומט אזוי צו שרייען? ווען דער יונגערמאן איז דורכגעגאנגען זאגן לשנה טובה פאר די אהבת ישראל, האט זיך דער רבי אנגערופן, יונגערמאן, פאר א נשמה קומט אראפ אויף די וועלט, שטייט אז משביעין אותו, תהי צדיק ואל תהי רשע, פארשטייסטו שוין? אויף דעם פארשטייט מען שוין אז ס'איז דא אסאך וואס צו שרייען דארט. על כל פנים, דער אייבערשטער זאל העלפן, יעדער זאל געהאלפן ווערן מיט בני חיי ומזוני, וואס דאס קומט צוזאמען מיט מחילה, סליחה וכפרה. און יעדער איינער זאל טאקע קענען מקיים זיין די שבועה פון משביעין אותו, תהי צדיק ואל תהי רשע, און מ'זאל זוכה זיין צו א געזונטע פרייליכע יאר אין אלע ענינים. און מ'זאל זוכה זיין צו די גאולה שלימה במהרה בימינו אמן.

זאת נדבת הרה"ח ר' **דוד יהושע פרידמאן** הי"ו - לעילוי נשמת מו"ה **יהושע הכהן** ב"ר **יעקב וגיטל חיה** (מיללער) ע"ה - כ"ו כסלו תרפ"ח

--- להשתתף בהוצאות הגליון נא להתקשר - 917-474-8034 ---